**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/4/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט באשטעטיגונג פון 3-יעריגע ארבעט אפמאך מיט PBA פון ניו יארק סטעיט

***די אפמאך מיט ניו יארק סטעיט אגענטור פאליציי סערוויסעס יוניט דעקט מער ווי 1,100 ניו יארק סטעיט איינגעשטעלטע***

***די אפמאך רעכנט אריין יערליכע באצאלונג העכערונג, העכערונג אין לאוקעישאן באצאלונג, ביז 12 וואכן גענצליך באצאלטע עלטערנס אפוועזנהייט, און טוישונגען אין געזונטהייט בענעפיטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די באשטעטיגונג פון דריי-יעריגע ארבעט אפמאך מיט די פאליציי גוטהארציגקייט פארבאנד (Police Benevolent Association, PBA) פון ניו יארק סטעיט, וועלכע רעכנט אריין מער ווי 1,100 מיטגלידער פון די ניו יארק סטעיט אגענטור פאליציי סערוויסעס יוניט אין טיטלען אזוויי וואלד רעינדזשער, ענווייראמענטאלע אפהיטונג באאמטער, פארק פאטראל באאמטער און אוניווערסיטעט פאליציי באאמטער. די אפמאך, וואס לויפט ביז מערץ 31, 2026, האט געווינען די צושטימונג פון 97 פראצענט פון PBA פון ניו יארק סטעיט מיגטלידער וועלכע געבן שטים צעטלעך.

"די ארבעט אפמאך וועט העלפן פארזיכערן אז די בראווע מעמבערס פון די אגענטור פאליציי סערוויסעס יוניט פון די PBA פון ניו יארק סטעיט זענען פארגיטיגט מיט גערעכטיגקייט פאר זייער ריזיגע ביישטייערונג צו אונזער סטעיט," **האט גאווערנער האקעל געזאגט.** "איך בין דאנקבאר פאר די מיטארבעט פון די PBA פון ניו יארק סטעיט'ס פירערשאפט דורכאויס די פארהאנדלונגען און דאנק איר מיטגלידערשאפט פאר זייער שווערע ארבעט און אנטשלאסנקייט צו האלטן ניו יארקער פארזיכערט, ספעציעל אונזערע באזוכער צו די עמפייער סטעיט'ס פארקס און ענווייראמענטאלע געגנטער און די מיטגלידער פון אונזערע אוניווערסיטעט קאמיוניטיס."

די באשטעטיגטע קאנטראקט רעכנט אריין העכערונג אין יעדע יאר פון די אפמאך אין קלאנג מיט אנדערע פריערע אויסגעארבעטע אפמאכן. אין צוגאב רעכנט די קאנטראקט אריין אנדערע העכערונגען אין באצאלונג, ווי צום ביישפיל אן איינמאליגע באנוס און ביז אזויפיל ווי 12 וואכן פון פולשטענדיג-באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב. די קאנטראכט רעכנט אויך אריין טוישונגען אין די געזונטהייט פארזיכערונג פראגראם וואס וועט מוטיגן צו נוצן אין-נעטווארק ארבעטער און העלפן קאנטראלירן געזונטהייט פארזיכערונג קאסטן.

**פאליציי גוטהארציגקייט פארבאנד פון ניו יארק סטעיט פרעזידענט דזשים מקארטני האט געזאגט,** "די PBA פון ניו יארק סטעיט איז צופרידן אז נאך פילצאליגע פארהאנדלונג מיט די סטעיט אפיס פון ארבעטערס באציאונגען האבן אונזערע מיטגלידער שטארק באשטעטיגט א דריי-יעריגע קאנטראקט מיט די סטעיט פון ניו יארק. כאטש וואס די קאנטראקט איז א טריט פאראויס אינעם גוטן ריכטונג און א פארבעסערונג איבער אונזער פריערדיגע קאנטראקט, איז נאך פארבליבן אסאך ארבעט צו קענען

צושטעלן א פארמעסטנדע פארגיטיגונג און רעטייערמענט פעקל וואס וועט העלפן אויפנעמען און אנהאלטן די מערסטע פארשידענע און גאר-ספעציעלע סטעיט געזעץ ענפארסירונג באאמטע."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן